# Epistle to the Hebrews

BY ST. PAUL

ALSO

LEVITICUS 16:1–34 AND ISAIAH 52:13 TO 53:8

IN THE

YIDDISH HEBREW LANGUAGE

WATCH TOWER BIBLE AND TRACT SOCIETY
BIBLE HOUSE
ALLEGHENY, PA., U. S A.

*No. 56.—January, 1902.*
ENTERED AS SECOND CLASS MAIL MATTER AT THE POSTOFFICE, ALLEGHENY, PA.
SAMPLE TRACTS FREE! SUBSCRIPTION PRICE, SIX CENTS (3d.) PER YEAR—48 PAGES

# OLD THEOLOGY QUART'LY

— FOR THE —

## PROMOTION OF CHRISTIAN KNOWLEDGE.

PUBLISHED BY THE

WATCH TOWER BIBLE & TRACT SOC'Y

BIBLE HOUSE, ALLEGHENY, PA., U. S. A.

BRITISH BRANCH, 131 GIPSY LANE, FOREST GATE, LONDON E., ENGLAND

NO. 2. CALAMITIES—WHY GOD PERMITS THEM.
NO. 3. PROTESTANTS, AWAKE!
NO. 7. THE WONDERFUL STORY, 32 pp.
NO. 12. WHY EVIL WAS PERMITTED.
NO. 21. DO YOU KNOW?
NO. 37. HOW READEST THOU?
NO. 38. HOPE OF IMMORTALITY.
NO. 40. WHAT IS THE SOUL?
NO. 41. MUST WE ABANDON HOPE OF A GOLDEN AGE?
NO. 42. CROSSES TRUE AND FALSE.
NO. 44. GATHERING THE LORD'S JEWELS.
NO. 49. WHICH IS THE TRUE GOSPEL?
NO. 52. OUR LORD'S RETURN.
NO. 53. THE WAGES OF SIN.
NO. 54. A DARK CLOUD AND ITS SILVER LINING.

Nos. 21, 28, 40 and 53 can be had in Swedish.
Nos. 21, 27 and 53 can be had in Dano-Norwegian.
Nos. 3, 12, 21, 22, 28, 38, 40, 49 and 53 can be had in German.
Nos. 21 and 22 can be had in French.

Extra copies of the above tracts will be supplied free, on application, to subscribers; or a single sample to any one. Thus many may be co-workers with us and with God in scattering the truth—"the hail."—Isa. 28:17. Hundreds of thousands are being circulated thus, the funds being supplied by voluntary contributions from those whose hearts and heads have been refreshed by these "glad tidings of great joy which shall be unto all people."

## BOOKLETS

THE WONDERFUL STORY, "THE OLD, OLD STORY." Illustrated.—60 pp.
WHAT SAY THE SCRIPTURES ABOUT HELL?—88 pages. Also in German.
WHAT SAY THE SCRIPTURES ABOUT SPIRITISM?—128 pages. Also in German.
TABERNACLE SHADOWS OF BETTER SACRIFICES. Ill.—130 pp. Also in German.

*Extra Copies* of the above booklets are supplied to subscribers at 10c (5d.) each, or 50c (*2/6*) per dozen: those below at 5c (2½d.) each, 25c (*1/3*) per dozen.

THE BIBLE VS. THE EVOLUTION THEORY. 48 pp. Also in German.
THE PAROUSIA OF OUR LORD. 78 pp. Also in Swedish.
EPISTLE TO THE HEBREWS. Illustrated.—64 pp. In Yiddish, only.

**German Watch Tower & Old Theology Quarterly—Translations.**

— QUARTERLY FOR ONE YEAR, 25 CENTS. —

We can supply copies of the first 19 issues at the rate of 19 copies for 25 cents.
Sample copies for free circulation, gratis, postpaid.

## THE EPISTLE TO THE HEBREWS.

This little booklet is prepared especially for Hebrews. The first two articles are brief extracts from the sacred writings of Leviticus and Isaiah—portions well known to all Jews. These are followed by the Epistle to the Hebrews, written by one of the ablest and best educated of the Hebrew race, once known as Saul of Tarsus. It manifests a very extensive knowledge of the various features of the Jewish Law pertaining to the sacrifices of the Atonement Day, etc.

The booklet is sent forth with the thought and the prayer that it may prove of interest and profit to some of our Hebrew neighbors. We supply it to our readers, one copy each, as a number of the "Old Theology Quarterly," without extra charge; additional copies will be sold at 5c. (2½d.) each, 25c. (*1/3*) per dozen. A sample copy will be sent free to any Jewish friends requesting it and promising to read it carefully and prayerfully.

All who may read this pamphlet with interest should, if able to read English or German, write us for another booklet which we publish, viz., "Tabernacle Shadows of Better Sacrifices," 10c. (5d.) each, 50c. (*2/6*) per dozen.

It is presumed that those of our subscribers who have requested this publication desire it for loaning to their Hebrew neighbors, and that they will make faithful use of the means thus put into their hands.

WATCH TOWER BIBLE AND TRACT SOCIETY,

BIBLE HOUSE, ARCH ST., ALLEGHENY, PA., U. S. A.

BRITISH BRANCH, 131 GIPSY LANE, FOREST GATE, LONDON.

## CHRONOLOGICAL TABLE.

SEE PAGE 184.

Jubilee type dates from entering Canaan:—

| | | |
|---|---|---|
| To the division of the land, . . | 6 | yrs. |
| Period of Judges, | 450 | " |
| " " Kings, | 513 | " |
| To the desolation, | 969 | " |
| 19 Jubilees, = | 950 | " |
| Remainder: | 19 | yrs. |

| | | |
|---|---|---|
| From last Jubilee to the desolation, | 19 | yrs. |
| Period of desolation, and captivity of *all* in Babylon, | 70 | " |
| From Restoration to their land by Cyrus, to A. D. 1, | 536 | " |
| From year A. D. 1 to A. D. 1875 (Jewish time, beginning Oct. 1874), | 1874 | " |
| | 2499 | yrs. |

Thus, the year which began October 1874 was the 2500th year, but since the antitype is larger than the type—1000 years instead of one year—1875 (beginning Oct. 1874), instead of being a Jubilee year, was the first of the 1000 years of Jubilee.

# THE JUBILEE AS A TYPE IN THE LAW.

ONE GRAND CYCLE

CULMINATING IN

THE GREAT ANTITYPE—EARTH'S JUBILEE.

∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*∩*

19 × 50 = 950 years. | 50 × 50 = 2500 years. || JUBILEE.

TYPICAL CYCLES AND JUBILEES,

NINETEEN,

CONTINUED UNTIL THE GREAT CYCLE WAS

DUE TO BEGIN TO COUNT.

WHERE THE TYPICAL CEASED, THE GRAND CYCLE BEGAN

SILENTLY TO COUNT

ITS FIFTY TIMES FIFTY YEARS TO THE GREAT ANTITYPE, THE

JUBILEE OF EARTH—THE TIMES OF RESTITUTION OF ALL THINGS.

## CHRONOLOGICAL TABLE.

—SEE PAGE 194.—

From entering Canaan:—

| | | |
|---|---|---|
| To the division of the land, | . . . | 6 years. |
| Period of Judges, | | 450 " |
| " " Kings, | | 513 " |
| To the Desolation, | | 969 " |
| 19 Jubilees, | = | 950 years. |
| | | 19 years. |

Thus their last Jubilee was observed 19 years before the Desolation.

PERIOD SINCE LAST JUBILEE.

| | |
|---|---|
| Before the "Desolation" as above, | 19 yrs. |
| Years of Desolation, | 70 " |
| From the Restoration by Cyrus to A. D. 1, . . . | 536 " |
| Years from A. D. 1 to A. D. 1874, Oct. 10th (the end of year—Jewish time), . | 1874 " |
| | 2499 yrs. |

51 cycles (without Jubilees) as they actually occurred and were mentioned in prophecy, 49 years each = 2499 years.—Or, total years from entering Canaan to October 1874 = 3449 years.

The Period of 19 cycles and Jubilees (950 years) and 51 cycles alone (2499 years) = 3449 years.




OCT., A. D. 1874, DATE OF BEGINNING OF EARTH'S GREAT JUBILEE.

23 איהר זאלט וויסען דאס אונזער ברודער טימותיוס איז
פריא געוואָרען, מיט וועלכען, ווען ער וועט באלד קומען,
וועל איך אייך זעהן:
24 געריסט אלע אייערע פירער, אונד אלע הייל גע; ד א
ליי ון איטליען געריסען אייך:
25 גנאד זייא מיט אייך אלע! אמן:

(געשריבען אין איטליען דורך טימ. ת. כ.)


# "TABERNACLE SHADOWS

OF

THE BETTER SACRIFICES."

130 PAGES.

English or German.

PRICE, TEN CENTS (5d.)

*A sample copy free to any Hebrew on request.*

15 דָארוּם לָאמִיר דוּרְךְ אִהְם שְׁטֶענְדִיג מַקְרִיב זַיין אַ
קָרְבָּן פוּן לוֹיב צוּ גָאט, דָאס אִיז דִיא פְּרוּכְט פוּן אוּנְזֶערֶע
לִיפֶּען,[1] וָואס בֶּעקֶענֶען זַיין נָאמֶען: [1] הושע י״ד ג׳
16 אָבֶּער פֶערְגֶעסְט נִיט צוּ טוּהְן גוּטֶעס אוּנְד גֶעבֶּען צוּ
דִיא אָרֶעמֶע, דֶען אַזֶעלְכֶע קָרְבָּנוֹת אִיז גָאט גֶעפֶעלֶען:
17 הֶערְט צוּ אֵיירֶע לֶעהְרֶער אוּנְד זַייט זַייא אוּנְטֶערְ־
טֶענִיג, דֶען זַייא וַואכֶען [1] פַאר אֵיירֶע זֶעלֶען, ווִיא דִיא
וָואס וֶועלֶען רֶעכְנוּנְג אָפְּגֶעבֶּען, דַאמִיט זַייא זָאלֶען עֶס
טְהוּן מִיט פְרֵיידֶע אוּנְד נִיט מִיט זִיפְצֶען, דֶען דָאס נוּצְט
אֵייךְ נִיט: [1] יחזקאל ג׳ י״ז; ל״ג ב׳, ז׳
18 בֶּעטֶעט פַאר אוּנְס, דֶען מִיר זֶענֶען פֶערְזִיכֶערְט דָאס
מִיר הָאבֶּען אַ גוּטֶעס גֶעווִיסֶען, אוּנְד מִיר הָאבֶּען אַיין
פֶערְלַאנְגֶען אִין אַלֶע זַאכֶען עֶרְלִיךְ צוּ לֶעבֶּען:
19 אוּנְד אִיךְ בֶּעט אֵייךְ נָאךְ מֶעהְר אַז אִיהְר זָאלְט דָאס
טְהוּן, אַז אִיךְ זָאל צוּ אֵייךְ גֶעשְׁווִינְדֶער צוּרִיק קוּמֶען:
20 אוּנְד דֶער גָאט פוּן פְרִידֶען וָואס הָאט אוֹיפְגֶעבְּרַאכְט
פוּן דֶעם טוֹיט אוּנְזֶער הַאר יֵשׁוּעַ, דֶען גְרוֹיסֶען פַּאסְטוּךְ [1]
פוּן דִיא שָׁאף, דוּרְךְ דֶעם בְּלוּט פוּן אֵייבִּיגֶען בְּרִית:

[1] ישעי מ׳ י״א; יחזקאל ל״ד כ״ג; ל״ז כ״ד; תהלים כ״ג א׳

21 עֶר וֶועט אֵייךְ פָאלְקָאמֶען מַאכֶען אִין יֶעדֶען גוּטֶען
וֶוערְק, אַז אִיהְר זָאלְט טְהוּן זַיין ווִילֶען, אוּנְד וֶועט אִין
אֵייךְ טְהוּן וָואס עֶס אִיז פַאר אִיהְם ווֹאוֹיל גֶעפֶעלֶען דוּרְךְ
יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ; צוּ אִיהְם אִיז דִיא הֶערְלִיכְקֵייט (כָּבוֹד) פוּן
אֵייבִּיגְקֵייט צוּ אֵייבִּיגְקֵייט, אָמֵן:
22 אוּנְד אִיךְ בֶּעט אֵייךְ בְּרִידֶער, עֶרְטְרָאגְט דָאס וָוארְט
פוּן וָוארְנוּנְג, דֶען אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ גֶעשְׁרִיבֶּען אַ בְּרִיף
אִין קוּרְצֶען:

6 דָארוּם מֶעגֶען מִיר זִיכֶער זָאגֶען דֶער הַאר אִיז מֵיין הֶעלְפֶער, 1 אִיךְ וֶועל מִיךְ נִיט פִירְכְטֶען, וָואס קֶען מִיר אַ מֶענְשׁ טְהוּן ?

[1] תהלים כ״ז א׳

7 גֶעדֶענְקְט אָן אֵייעֶרֶע פִירֶער, דִיא וָואס הָאבֶּען צוּ אֵייךְ גֶערֶעט דָאס וָוארְט פוּן גָאט, אוּנְד בֶּעטְרַאכְטֶעט דֶעם אוֹיסְגַאנְג פוּן זֵייעֶר לֶעבֶּענְס־וַואנְדֶעל, אוּנְד פָאלְגְט נָאךְ זֵייעֶר גְלוֹיבֶּען :

8 יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ אִיז דֶער זֶעלְבִּיגֶער נֶעכְטֶען אוּנְד הֵיינְט, אוּנְד אוֹיף אֵייבִּיג 1 :

[1] מאלכי ג׳ ו׳

9 וֶוערְט נִיט הִין אוּנְד הֶער אַרוּם גֶעטְרִיבֶּען מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע אוּנְד פְרֶעמְדֶע לֶעהְרֶען, דֶען עֶס אִיז גוּט אַז דָאס הֶערְץ זָאל בֶּעפֶעסְטִיגְט זֵיין מִיט גְנָאד, נִיט דוּרְךְ שְׁפֵּייז וָואס נוּצְט נִיט צוּ דִיא וָואס זִיךְ דַאמִיט אָפְּגֶעבֶּען :

10 מִיר הָאבֶּען אַ מִזְבֵּחַ, פוּן דֶעם דִיא וָואס דִינֶען אִין דֶעם מִשְׁכָּן הָאבֶּען קֵיין רֶעכְט דֶערְפוּן צוּ עֶסֶען :

11 דֶען דִיא לֵייבֶּער פוּן יֶענֶע בְּהֵמוֹת, וָואס דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט אַרֵיין גֶעבְּרַאכְט זֵייעֶר בְּלוּט אִין דֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט (אַלְס אַ קָרְבָּן) פַאר דִיא זִינְד, אִיז פֶערְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען מִחוּץ לַמַחֲנֶה 1 :

[1] ויקרא ד׳ י״א; ח׳

12 דָארוּם הָאט יֵשׁוּעַ אוֹיךְ גֶעלִיטֶען אוֹיסֶען וֵוייניג פוּן דֶעם מוֹיעֶר, דָאס עֶר זָאל הֵיילִיגֶען דָאס פָאלְק מִיט זֵיין אֵייגֶען בְּלוּט :

13 דָארוּם לָאמִיר אַרוֹיס גֵיין צוּ אִיהְם אוֹיסֶער דֶעם לָאגֶער (מִחוּץ לַמַחֲנֶה), אוּנְד זֵיינֶע שַׁאנְדֶע טְרָאגֶען :

14 דֶען מִיר הָאבֶּען דָא 1 נִיט קֵיינֶע שְׁטָאט וָואס בְּלֵייבְּט גֵייעֶרְט מִיר זוּכֶען (דִיא שְׁטָאט) וָואס וֶועט זֵיין :

[1] מיכה ב׳ י׳

דארום

זאבען וואס ווערען בעוועגט וועלען אוועק געזעצט ווערען, וויא דיא זאבען וואס זענען געמאכט דאמיט דיא זאבען וואס ווערען ניט בעוועגט, זאל בלייבען: [1] דניאל ב׳ מ״ד

28 דארום וויל מיר ערהאלטען א קעניגרייך וואס ווערט ניט בעוועגט, לאמיר האבען דאנקבארקייט מיר זאלען דערביא גאט וואוילגעפעליג דינען, מיט ערליכקייט אונד גאטעס פורכט:

29 דען אונזער [1] גאט איז איין פערברענענדעס פייער:

[1] שמות כ״ד י״ז; דברים ד׳ כ״ד; ט׳ ג׳; תהלים נ׳ ג׳; צ״ז ג׳, ישעיה ס״ו ט״ו

## יג קאפיטעל יג

א לאס ברידערליכע ליבשאפט בלייבען[1]: [1] תהלים קל״ג א׳

2 פערגעסט ניט צוא בעווייזען ליבע צו פרעמדע (מכנים אורחים צו זיין), דען דאדורך האבען עטליכע,[1] אהן צו וויסען, מלאכים אויפגענומען: [1] בראשית י״ח ג׳; י״ט ב׳

3 געדענקט אן דיא וואס זענען געפאנגען, גלייך וויא איהר זענט מיט זייא געפאנגען, אונד דיא וואס ווערע שלעכט בעהאנדעלט, גלייך וויא איהר אליין זעט אויך אין דעם לייב:

4 צו הייראטען איז איינע עהרע אונטער אלע, אונד דאס בעט איז ניט בעפלעקט, אבער הורען־טרייבערס אונד עהע־ברעכער (נואפים) וועט גאט משפטן [1]:

[1] מלאכי ג׳ ה׳

5 זייט פרייא פון דער געלט־ליבע, בעגנוגט אייך מיט דעם וואס איהר האט, דען ער האט געזאגט, איך וועל דיך ניט שלאף מאכען אונד איך וועל דיך ניט פערלאזען [1]:

[1] בראשית כ״ח ט״ו; תהלים ל״ז כ״ה

דארום

שְׁטֵיינִיגְט וֶוערֶען, (אָדֶער זִיא זָאל מִיט אַ פֵייל גֶעשָׁאסֶען
וֶוערֶען) : 1 שמות י"ט י"ג
21 אוּנְד דִיא עֶרְשֵׁיינוּנְג וַואר אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, דָאס מֹשֶׁה
הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ פִירְכְטֶע מִיךְ זֵייעֶר אוּנְד בִּין עֶרְ־
שְׁרָאקֶען :
22 נֵייעֶרְט אִיהְר זֶענְט גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם בַּארְג צִיוֹן,
אוּנְד צוּ דֶער שְׁטָאט פוּן דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט, אוּנְד צוּ
דֶעם הִמְלִישֶׁען יְרוּשָׁלַיִם, אוּנְד צוּ צֶעהְן־טוֹיזֶענְדֶע פוּן
מַלְאָכִים 1 : 1 תהלים ס"ח י"ח
23 צוּ דֶער אַלְגֶעמֵיינֶע פֶערְזַאמְלוּנְג, אוּנְד צוּ דִיא גֶעֶ־
מֵיינְדֶע פוּן דִיא עֶרְשְׁט־גֶעבּוֹירֶענֶע,1 וָואס זֶענֶען אַיין
גֶעשְׁרִיבֶּען אִים הִימֶעל, אוּנְד צוּ גָאט דֶעם רִיכְטֶער פוּן
אַלֶע אוּנְד צוּ דִיא גֵייסְטֶער פוּן דִיא צַדִיקִים, וָואס זֶענֶען
פָאלְקָאמֶען גֶעמַאכְט : 1 במדבר ג׳ י"ג
24 אוּנְד צוּ יֵשׁוּעַ דֶעם פַארְמִיטְלֶער פוּן דֶעם נֵייעֶם
בְּרִית, אוּנְד צוּ דֶעם בְּלוּט, פוּן שְׁפְּרֵיינְקְלוּנְג, וָואס רֶעדֶעט
בֶּעסֶער דֶען דָאס פוּן הֶבֶל 1 : 1 שמות כ"ד ח׳
25 זֶעהְט צוּ, אִיהְר זָאלְט נִיט פֶערְוֶוערְפֶען דֶעם וָואס
טְהוּט רֶעדֶען, וָוארִין וֶוען דִיא וָואס הָאבֶּען פַארְוָוארְפֶען
דֶעם וָואס הָאט גֶערֶעט אוֹיף דֶער עֶרְד זֶענֶען נִיט עֶנְטְרוּ־
נֶען, וִויא פִיל מֶעהְר וֶועלֶען מִיר נִיט עֶנְטְרִינֶען, וֶוען מִיר
וֶועלֶען זִיךְ אָבְּקֶעהְרֶען פוּן דֶעם וָואס רֶעדֶעט פוּן הִימֶעל :
26 וָואס זֵיין קוֹל הָאט אַמָאל דִיא עֶרְד בֶּעוֶועגְט, אָבֶּער
יֶעצְט הָאט עֶר פֶערְשְׁפְּרָאכֶען, אוּנְד גֶעזָאגְט, נָאךְ 1 אַמָאל
וֶועל אִיךְ בֶּעוֶועגֶען, נִיט דִיא עֶרְד אַלֵיין, נֵייעֶרְט אוֹיךְ
דֶעם הִימֶעל : 1 חגי ב׳ ו׳
27 אוּנְד נָאךְ אַמָאל דָאס וָוארְט בֶּעצֵייכְנְט, 1 אַז וִיא

זאבע

װעג, גייערט ער זאל בעסער געהיילט װערען:

[1] משלי ד׳ כ״ו, כ״ז

14 יאגט נאך דעם פרידען [1] מיט אלע מענשען, אונד הייליגקייט, װאס אהן דעם װעט קיינער דעם האר ניט זעהען:

[1] תהלים ל״ד י״ד

15 געבט אכטונג אז קיינער זאל ניט צוריק בלייבען פון דער גנאד פון גאט, דאס עס זאל ניט ארויס שפּראצע א װארצעל פון ביטערקייט [1] אייך צו בעטריבען, אונד דאדורך פילע פערראונרייניגט װערען:

[1] דברים כ״ט י״ז

16 דאס עס זאל ניט זיין קיין הורען־טרייבער,[1] אדער א פערשװעכער, װיא עשו, װאס האט פאר איינע שפייזע פערקויפט זיינע בכורה[2]:

[1] דברים כ״ג י״ז [2] בראשית כ״ה ל״ג

17 דען איהר װייסט אז ער האט דערנאך געװאלט ירשענען [1] דיא ברכות, אבער ער װאר פערװארפען, דען ער האט ניט געפונען קיין ארט פאר תשובה, כאטשע ער האט זיא געזוכט מיט טרערען:

[1] בראשית כ״ז ל״ד

18 דען איהר זעט ניט געקומען צו דעם בארג [1] װאס קען אנגערירט װערען, אונד װאס ברענט מיט פייער, אונד צור דונקעלהייט, אונד פינסטערניס, אונד שטורעם:

[1] שמות י״ט י״ב; דברים ד׳ י״א

19 אונד ניט צום קול [1] פון א שופר, אונד צום קול פון דיא רייד, װאס דיא װאס האבען עס געהערט, האבען געבעטען אז דאס װארט זאל ניט מעהר צו זייא גערעדט װערען:

[1] שמות כ׳ י״ח, י״ט

20 װארין זייא האבען עס ניט געקענט אויסהאלטען דאס װאס זייא איז געבאטען געװארען, אונד זאגאר װען א בהמה [1] װעט דעם בארג אנרירען אזוי זאל זיא פער־

שטיינערט

גֶעגֶען דֶער זִנְדֶע, בִּיז צוּם בְּלוּט:
5 אוּנְד אִיהְר הָאט פֶערְגֶעסֶען, דִיא וָוארְנוּנְג [1] וָואס רֶעט
צוּ אֵייךְ וִויא צוּ קִינְדֶער, מֵיין זוּהְן, פֶערְאַכְטֶע נִיט דִיא
שְׁטְרָאף פוּן דֶעם הַאר, אוּנְד פֶערְצָאג נִיט וֶוען עֶר
שְׁטְרָאפְט דִיךְ: [1] משלי ג׳ י״א, י״ב
6 דֶען וֶועמֶען דֶער הַאר לִיבְּט דֶעם שְׁטְרָאפְט עֶר, אוּנְד
עֶר צִיכְטִיגְט יֶעדֶען זוּהְן וָואס עֶר הָאט גֶערֶען:
7 וֶוען אִיהְר לֵיידֶעט דִיא שְׁטְרָאף, אַזוֹי הַאנְדֶעלְט גָאט
מִיט אֵייךְ וִויא מִיט קִינְדֶער, דֶען וָואס פַאר אַ זוּהְן [1] אִיז
דָאס וָואס זֵיין פָאטֶער שְׁטְרָאפְט אִיהְם נִיט: [1] משלי י״ג כ״ד
8 וֶוען אִיהְר זֵייט אָהְן שְׁטְרָאף, אִין וָואס אַלֶע הָאבֶּען אַ
טֵייל, אַזוֹי זֶענְט אִיהְר מַמְזֵרִים אוּנְד נִיט קִינְדֶער:
9 מִיר הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעהַאט לֵייבְּלִיכֶע פֶעטֶער וָואס
הָאבֶּען אוּנְס גֶעשְׁטְרָאפְט, אוּנְד מִיר הָאבֶּען זִיךְ פַאר זֵיי א
גֶעפָּארְכְטֶע, זָאלֶען מִיר נִיט פִיל מֶעהְר אוּנְטֶערְטֶענִיג זֵיין
צוּם פָאטֶער דֶער גֵייסְטֶער, אוּנְד לֶעבֶּען [1]? [1] איוב ב׳ ז׳
10 דֶען זֵייא הָאבֶּען אוּנְס גֶעשְׁטְרָאפְט פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג
נָאךְ זֵייעֶר גֶעפֶעלֶען, אָבֶּער עֶר טְהוּט עֶס צוּ אוּנְזֶער גוּטֶען,
דָאס מִיר זָאלֶען הָאבֶּען אַ טֵייל אִין זֵיינֶע הֵיילִיגְקֵייט:
11 קֵיינֶע שְׁטְרָאף שֵׁיינְט פְרֵיילִיךְ צוּ זֵיין פַאר דִיא יֶעצְ־
טִיגֶע צֵייט, נֵייעֶרְט טְרוֹירִיג, אָבֶּער דֶערְנָאךְ בְּרֶענְגְט זִיא
דִיא פְרִידְלִיכֶע פְרוּכְט [1] דֶער גֶערֶעכְטִיגְקֵייט צוּ דִיא וָואס
זֶענֶען דֶערִינֶען גֶעאִיבְּט: [1] תהלים קי״ט ס״ז; ישעיה ל״ב י״ז
12 דָארוּם רִיכְטֶעט אוֹיף [1] דִיא שְׁלַאפֶע הֶענְד, אוּנְד דִיא
קְנִיעֶן וָואס שְׁטְרוֹיכְלֶען זִיךְ: [1] ישעיה ל״ה ג׳
13 אוּנְד מַאכְט גְלֵייךְ דִיא שְׁטֶעגֶען [1] פוּן אֵייעֶרֶע פִיס,
אַז דֶער הִינְקֶעדִיקֶער זָאל זִיךְ נִיט אָפְּקֶערֶען פוּן דֶעם

וועג

וואַרְען אִין דֶער נוֹט אוּנְד אִין בְּרִיבְזַאל, אוּנְד שְׁלֶעכְט בֶּעהַאנְדֶעלְט:

1 מלכים א כ״א י״ג; דברי הימים ב כ״ד כ״א
2 מלכים ב א׳ ח׳

38 דִיא וֶועלְט אִיז בֵּייא זֵייא נִיט וֶוערְט גֶעוֶוען, זֵייא הָאבֶּען אַרוּם גֶעבְּלָאנְזֶעט אִין פּוּסְטֶע עֶרְטֶער אוּנְד אוֹיף בֶּערְג אוּנְד אִין הֵיילֶען, 1 אוּנְד אִין שְׁפַּאלְטֶען פוּן דֶער עֶרְד:

1 מלכים א י״ח ד׳

39 אוּנְד דִיא אַלֶע, חָאטְשֶׁע עֶס אִיז גֶעצֵייגְט גֶעוָוארֶען אוֹיף זֵייעֶר גְלוֹיבֶּען, הָאבֶּען נִיט עֶרְהַאלְטֶען דִיא הַבְטָחָה 1:

1 בראשית י״ב ג׳

40 ווייל גָאט הָאט אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ פַאר אוּנְס, אַז זֵייא זָאלֶען נִיט אָהן אוּנְס פָאלְקָאמֶען וֶוערֶען:

## קאפּיטעל יב

יב

א דָארוּם ווייל מִיר הָאבֶּען אַזַא וָואלְקֶען פוּן עֵדוּת 1 אַרִים אוּנְס, לָאמִיר אוֹיךְ אָבְּלֵייגֶען אַלֶע שְׁוֶועריגְקֵייטֶען אוּנְד דִיא זִינְד וָואס אִיז אַרוּם אוּנְס, אוּנְד לָאמִיר לוֹיפֶען מִיט גֶעדוּלְד דֶעם לוֹיף וָואס אִיז פַאר אוּנְס גֶעזֶעצְט:

1 שמות ל״ד ה׳; במדבר י״א כ״ד; ויקרא ט״ז ב׳

2 אוּנְד אוֹיךְ בְּלִיקֶען אוֹיף יֵשׁוּעַ, דֶער אָנְהֵייבֶּער אוּנְד פָאלֶענְדֶער פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען, וָואס וֶועגֶען דֶער פְרֵיידֶע וָואס ווַאר פַאר אִיהְם גֶעזֶעצְט, הָאט גֶעלִיטֶען דָאס קְרֵייץ, אוּנְד הָאט פֶערַאכְטֶעט דִיא שַׁאנְדֶע, אוּנְד הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ דֶער רֶעכְטֶער הַאנְד 1 פוּן דֶעם שְׁטוּל פוּן גָאט:

1 תהלים ק״י א׳

3 וָוען בֶּעטְרַאכְטֶעט דָאךְ דֶעם, וָואס הָאט גֶעלִיטֶען אַ זָאלְכֶען הִידֶער־שְׁפְּרוּךְ גֶעגֶען זִיךְ פוּן זִינְדֶער, דָאס אִיהְר זָאלְט נִיט מִיד וֶוערֶען אוּנְד נִיט שְׁוַואךְ זַיין אִין אֵיירֶע לֵייבֶּער:

4 אִיהְר הָאט נָאךְ נִיט וִוידֶער־שְׁטַאנֶען צוּ שְׁטְרֵייטֶען

גֶעגֶען

צייט וועט מיר פעלען צו דערציילען פון גדעון,[1] און ד
ברק,[2] אונד שמשון,[3] אונד יפתח,[4] אונד דוד,[1] שמואל,[2]
אונד דיא נביאים:

[1] שופטים ו׳, י״א; [2] שופטים ד׳ ו׳; [3] שופטים י״ג, כ״ד; [4] שופטים י״א א׳-ל״ב; [1] שמואל א י״ז מ״ה; [2] שמואל א ז׳ ט׳

33 וואס האבען דורך דעם גלויבען קעניגרייכע אונטער־
טעניג געמאכט, אונד האבען געטהון גערעכטיגקייט,
אונד האבען דיא הבטחות ערהאלטען, אונד האבען פער־
שטאפט דיא מיילער פון לייבען:[1]

[1] שופטים י״ד ה׳, ו׳; דניאל ו׳ כ״ג

34 אונד האבען פערלאשען דיא מאכט פון פייער[1]
אונד זענען ענטרונען[2] פון דער שארף פון דעם שווערט,
אונד זענען קרעפטיג געווארען פון שוואכהייטען, אונד
זענען שטארק געווארען אין דער מלחמה, אונד האבען
פעריאגט דיא פרעמדע שארען:

[1] דניאל ג׳ י״ט-כ״ה; [2] מלכים א י״ט ג׳; מלכים ב ו׳ ט״ז, י״ז

35 ווייבער[1] האבען אהרע טויטע צוריק בעקומען דורך
א אויפערשטעהונג, אונד אנדערע זענען געפלאגט גע־
ווארען (מיט יסורים) אונד האבען קיינע בעפרייאונג אנ־
גענומען, דאס זייא זאלען ערהאלטען א בעסערע אויפ־
ערשטעהונג:

[1] מלכים א י״ז כ״ב; מלכים ב ד׳ ל״ה

36 אונד[1] אנדערע זענען געפריפט געווארען דורך
שפאט, אונד שמייסען מיט ריטער, יא, זאגאר קייטען
אונד געפענגניס[2]:

[1] בראשית ל״ט כ׳; [2] ירמיה כ׳ ב׳

37 זייא זענען געשטייניגט געווארען,[1] זייא זענען דורכ
געזעגט געווארען, זייא זענען געפריפט געווארען, זייא
זענען ערשלאגען געווארען מיט דעם שווערט, זייא האבען
ארומגעוואנדערט אין פעל פון שאף אונד ציגען,[2] זייא

ווארען

אויפְגֶעוואַקְסֶען נִיט גֶעוָואלְט גֶערוּפֶען וָוערֶען דֶער זוּהְן
פוּן פַּרְעה'ס טָאכְטֶער: [1] שמות ב׳ י׳, י״א
25 אוּנְד עֶר הָעט בֶּעסֶער אֵיסְגֶערְוָויילְט צוּ לֵיידֶען מִיט
דֶעם פָאלְק פוּן גָאט, אֵיידֶער צוּ גֶענִיסֶען אוֹיף אַ צֵייט
דָאס פֶערְגֶעגִיגֶען דֶער זִינְדֶע:
26 אוּנְד עֶר הָאט גֶערֶעכֶענְט דִיא שְׁמַאךְ (חֶרְפָּה) פוּן
מָשִׁיחַ פַאר אַ גְרֶעסֶערֶען רֵייכְטְהוּם דֶען דִיא שֶׁעצֶע פוּן
מִצְרַיִם, דֶען עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם שְׂכַר:
27 דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען הָאט עֶר פַאַרְלָאסְט מִצְרַיִם, אוּנְד
הָאט זִיךְ נִיט גֶעפָארְכְטֶען [1] פַאר דֶעם צָארְן פוּן דֶעם
קֶענִיג, דֶען עֶר [2] הָאט אויסְגֶעהַאלְטֶען אַלְס עֶר הָאט דֶעם
גֶעזֶעהֶען דֶער נִיט צוּ זֶעהֶען אִיז: [1] שמות י׳ כ״ח, כ״ט;
[2] שמות ז׳ י׳
28 דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען הָאט עֶר פֶּסַח גֶעהַאלְטֶען,[1] אוּנְד
דָאס בְּלוּט גֶעשְׁפְּרֶענְקְט, דָאס דֶער פֶערְדֶערְבֶּער פוּן דִיא
בְּכוֹרִים זָאל זֵייא נִיט אָנְרִירֶען: [1] שמות י״ב כ״א-כ״ד
29 דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען, זֶענֶען זֵייא דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דֶעם
יַם סוּף וִויא אִיבֶּער טְרוּקֶענֶעם לַאנְד, וָואס דִיא מִצְרִים
הָאבֶּען גֶעפְּרִיפְט נָאךְ צוּ גֵיין אוּנְד זֶענֶען עֶרְטְרוּנְקֶען
גֶעוָוארֶען [1]: [1] שמות י״ד ט״ו-ל״א
30 דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען זֶענֶען דִיא מוֹיעֶרֶען פוּן יְרִיחוֹ
אַיינְגֶעפַאלֶען,[1] נָאךְ דֶעם מֶען הָאט זֵייא אַרוּם גֶערִינְגֶעלְט
זִיבֶּען טֶעג: [1] יהושע ו׳ י״ב-כ׳
31 דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען, אִיז רָחָב הַזוֹנָה נִיט אוּמְגֶעקוּמֶען
מִיט דִיא אוּנְגְלֵייבִּיגֶע, וַוייל זִיא הָאט דִיא מְרַגְּלִים [2] מִיט
פְרִידֶען אויפְגֶענוּמֶען: [1] יהושע ו׳ כ״ג: [2] יהושע ב׳ ד׳
32 אוּנְד וָואס זָאל אִיךְ נָאךְ מֶעהְר זָאגֶען? דֶען דִיא
צייט

זוהן יִצְחָק, וָוען ער וַואר גֶעפְּרִיפְט,[1] אוּנְד דֶער וָואס הָאט עָנְטְהאַלְטֶען דִיא הַבְטָחוֹת הָאט מַקְרִיב גֶעוֶועזֶען זַיין אֵיינְ־צִיגֶען זוּהְן :
[1] בראשית כ״ב א׳-י״א

18 וָואס עֶס וַואר אויף אִיהְם גֶעזָאגְט,[1] אַז אִין יִצְחָק וֶועט דַיין זָאמֶען גֶערוּפֶען וֶוערֶען :
[1] בראשית כ״א י״ב

19 דֶען עֶר הָאט גֶערֶעכֶענְט דָאס גָאט קֶען (אִיהְם) אויךְ פוּן דֶעם טוֹיט אוֹיפְוֶועקֶען ; [1] דָארוּם אִיז עֶר צוּ אִיהְם אוּמְגֶעקֶערְט גֶעוָוארֶען עֶר זָאל זַיין פַאר אַ מָשָׁל (גְלֵייכְנִיס) :
[1] בראשית כ״ב ה׳

20 דוּרךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען הָאט יִצְחָק [1] גֶעבֶּענְשְׁט יַעֲקֹב אוּנְד עֵשָׂו וֶועגֶען זַאכֶען וָואס וֶועלֶען עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער זַיין :
[1] בראשית כ״ז כ״ז ל״ט מ׳

21 דוּרךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען הָאט יַעֲקֹב גֶעבֶּענְשְׁט בֵּיידֶע [1] זִיהְן פוּן יוֹסֵף פַאר זַיין טוֹיט, אוּנד הָאט גֶעבֶּעטֶעט אָנְ־גֶעלֶעהְנְט [2] אָן דֶער שְׁפִּיצֶע פוּן זַיין שְׁטֶעקֶען :
[1] בראשית מ״ח ה׳, כ׳ ; [2] בראשית מ״ז ל״א

22 דוּרךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען הָאט יוֹסֵף [1] גֶעדֶענְקְט פַאר זַיין טוֹיט אָן דֶעם אוֹיסְגַאנְג פוּן דִיא קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל, אוּנְד הָאט בֶּעפוֹילֶען וֶועגֶען זַיינֶע בֵּיינֶער :
[1] בראשית נ׳ כ״ד, כ״ה

23 דוּרךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען, וֶוען מֹשֶׁה אִיז גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען אִיהְם זַיינֶע עֶלְטֶערֶען בֶּעהַאלְטֶען דְרַייא חָדָשִׁים, וַוייל זַייא הָאבֶּען גֶעזֶעהְן אַז עֶר אִיז אַ גוּט קִינְד, אוּנְד זַייא הָאבֶּען זִיךְ נִיט גֶעפָארְכְטֶען פַאר דֶעם בֶּעפֶעל [1] פוּן דֶעם קֶענִיג :
[1] שמות א׳ ט״ז ; ב׳ ב׳

24 דוּרךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען הָאט מֹשֶׁה,[1] וֶוען עֶר אִיז

גְרוּנְד,[1] וָואס גָאט אִיז דֶער בּוֹמֵיסְטֶער אוּנְד בֶּעשֶׁעפֶּעוּ-
דֶערְפוּן׃ [1] ישעיה ס״ו א׳, כ״ב

11 דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען הָאט אוֹיךְ זָעלְבְּסְט שָׂרָה קְרַאפְט בֶּעקֻמֶען אוּם שְׁוַואנְגֶער צוּ וֶוערֶען, אָבְּס זִיא ווַאר אִיבֶּער אִיהְר עֶלְטֶער,[1] ווַייל זִיא הָאט דֶעם גֶעטְרַייא גֶעהַאלְטֶען וָואס הָאט זִיא הַבְטָחָה גֶעגֶעבֶּען׃ [1] בראשית י״ז י״ט; כ״א א׳, ב׳

12 אוּנְד דָארוּם אִיז אוֹיךְ אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן אֵיינֶעם וָואס ווַאר אַזוֹי גוּט ווִיא טוֹיט, אַזוֹי פִילֶע ווִיא דִיא שְׁטֶערֶען [1] פוּן דֶעם הִימֶעל, אוּנְד ווִיא דֶער זַאנְד וָואס אִיז בֵּיים בָּארְטֶען פוּן יַם, גָאר אָן אַ צָאל׃ [1] בראשית כ״ב י״ז

13 דִיזֶע אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען אִים גְלוֹיבֶּען, אוּנְד הָאבֶּען נִיט עֶרְהַאלְטֶען דִיא הַבְטָחוֹת, נֵייעֶרְט זֵייא הָאבֶּען זֵייא גֶעזֶעהֶן פוּן ווַייטֶען,[1] אוּנְד הָאבֶּען גֶעגְלֵייבְּט אוּנְד בֶּעקֶענְט דָאס זֵייא ווַארֶען פְּרֶעמְדֶע אוּנְד גֶעסְט אוֹיף דֶער עֶרְד׃ [1] בראשית ג׳ ט״ו; י״ב ז׳

14 דֶען דִיא וָואס רֶעדֶען אַזוֹי בֶּעווַייזֶען דָאס זֵייא זוּכֶען זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם לַאנְד׃

15 אוּנְד וֶוען זֵייא וָואלְטֶען גֶעדֶענְקְט אָן דֶעם לַאנְד [1] פוּן וֶועלְכֶען זֵייא זֶענֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען, אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא צֵייט גֶעהַאט צוּרִיק צוּ קֶערֶען׃ [1] בראשית י״א ל״א

16 אָבֶּער יֶעצְט פֶערְלַאנְגֶען זֵייא אֵיין בֶּעסֶערֶעם לַאנְד, דָאס אִיז אֵיין הִימְלִישֶׁעס, דָארוּם שֶׁעמְט זִיךְ נִיט גָאט מִיט זֵייא, עֶר זָאל הֵייסֶען זֵייעֶר גָאט,[1] דֶען עֶר הָאט זֵייא אָנְגֶעבְּרֵייט אַ שְׁטָאט׃ [1] שמות ג׳ ו׳, ט״ו

17 דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען הָאט אַבְרָהָם מַקְרִיב גֶעוֶועזֶען זֵיין

זוּהן

אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק גֶעקוּמֶען גֶעוָוארֶען וַואר עֶס אוֹיךְ אוֹיף אִיהֶם בֶּעצֵייגְט אַז עֶר אִיז גָאט װאוילְגֶעפֶעלֶען :

[1] בראשית ה׳ כ״ב, כ״ד

6 אָבֶּער אָן גְלוֹיבֶּען אִיז עֶס אוּנְמֶעגְלִיךְ אִיהְם צוּ גֶעפֶעלֶען; דֶען דֶער וָואס קוּמְט צוּ אִיהְם מוּז גְלוֹיבֶּען אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט, אוּנְד אַז עֶר אִיז אַ פַארְגֶעלְטֶער צוּ דִיא וָואס זוּכֶען אִיהְם :

7 דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען הָאט נֹחַ,[1] וֶוען עֶר וַואר גֶעוָוארֶענְט פוּן גָאט וֶועגֶען דִיא זַאכֶען וָואס עֶר הָאט נָאךְ נִיט גֶעזֶעהֶען, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען, אוּנְד הָאט גֶעמַאכְט אַ תֵּיבָה אוּם זַיין הויז צוּ רֶעטֶען, דוּרְךְ וֶועלְכֶען עֶר הָאט דִיא וֶועלְט בֶּעשׁוּלְדִיגְט, אוּנְד אִיז גֶעוָוארֶען אַן עֶרְבֶּע (יוֹרֵשׁ) פוּן דֶער גֶערֶעכְטִיגְקֵייט וָואס אִיז דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען :

[1] בראשית ו׳ י״ד, כ״ב

8 דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען הָאט אַבְרָהָם [1] גֶעהָארְכְט, וֶוען עֶר וַואר בֶּערוּפֶען אַוֶועק צוּ גֵיין אִין אֵיין אַנְדֶער אָרְט וֶועלְכֶען עֶר זָאל עֶרְהַאלְטֶען פַאר אֵיין עֶרְבְּשַׁאפְט, אוּנְד עֶר אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּנְד הָאט נִיט גֶעוְואוּסְט וָואהִין עֶר וֶועט קוּמֶען :

[1] בראשית י״ב א׳, ד׳

9 דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטֶען [1] אִין דֶעם לַאנְד פוּן דֶער בֶּערְהֵייסוּנְג (הַבְטָחָה) וַויא אִין אֵיין פְרֶעמְד לַאנְד, אוּנְד הָאט גֶעוְואוֹינְט אִין גֶעצֶעלְטֶען מִיט יִצְחָק אוּנְד יַעֲקֹב וָואס הָאבֶּען מִיט אִיהְם גֶעעֶרְבְּט דִיא זֶעלְבֶּע הַבְטָחָה :

[1] בראשית י״ב ח׳; י״ג ג׳, י״ח

10 דֶען עֶר הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף אַ שְׁטָאט וָואס הָאט אַ

38 אָבֶער דֶער צַדִיק װעט דוּרְךְ זַיין גְלױבֶּען לֶעבֶּען,[1]
אוּנְד אױב עֶר װעט זִיךְ צוּרִיק צִיהֶען, אַזױ װעט מֵיינֶע
זֶעלֶע אִין אִיהְם קֵיינֶע לוּסְט הָאבֶּען׃ [1] חבקוק ב׳ ד׳
39 אָבֶער מִיר זֶענֶען נִיט פוּן דִיא װָאס װֶעלֶען זִיךְ צוּרִיק
צִיהֶען, אוּנְד װֶערֶען פַארלָארֶען, נֵייעֶרְט פוּן דִיא װָאס
גְלױבֶּען צוּר רֶעטוּנְג דֶער זֶעלֶע׃

## יא קאפיטעל יא

א אוּנְד דֶער גְלױבֶּען אִיז דֶער בֶּעשְׁטַאנְד פוּן דִיא זַאכֶען
אױף װעלְכֶע מֶען הָאפְט, דֶער בֶּעװייז פוּן דִיא זַאכֶען
װָאס מֶען זֶעהְט נִיט׃
2 דֶען דוּרְךְ דִיזֶען הָאבֶּען דִיא אַלְטֶען דָאס צֵיינְגְנִיס
עֶרְהַאלְטֶען׃
3 דוּרְךְ דֶעם גְלױבֶּען פֶערְשְׁטֵייעֶן מִיר אַז דִיא װֶעלְטֶען
זֶענֶען גֶעמַאכְט דוּרְךְ דֶעם װָארְט פוּן גָאט,[1] אוּנְד דִיא
זַאכֶען װָאס װֶערֶען גֶעזֶעהֶען קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דִיא זַאכֶען
װָאס מֶען זֶעהֶעט נִיט׃ [1] תהלים ל״ג ו׳
4 דוּרְךְ דֶעם גְלױבֶּען הָאט הֶבֶל [1] מַקְרִיב גֶעװֶען צוּ גָאט
אַ בֶּעסֶערֶעס קָרְבָּן פוּן קַיִן, דוּרְךְ װעלְכֶען עֶס װַאר בֶּע־
צֵייגְט דָאס עֶר װַאר אַ צַדִיק; װייל גָאט הָאט בֶּעצֵייגְט
אױף זַיינֶע גָאבֶּען, אוּנְד דוּרְךְ דֶעם, רֶעט עֶר נָאךְ חָאטְשֶׁע
עֶר אִיז טױט׃ [1] בראשית ד׳ ד׳, ד׳
5 דוּרְךְ דֶעם גְלױבֶּען אִיז חֲנוֹךְ [1] אַװֶעק גֶענוּמֶען גֶע־
װָארֶען אַז עֶר זָאל נִיט זֶעהֶען דֶעם טױט, אוּנְד עֶר װַאר
נִיט גֶעפוּנֶען, װייל גָאט הָאט אִיהְם אַװֶעק גֶענוּמֶען, דֶען
אײדער



בְּלוּט פוּן דֶעם בְּרִית, מִיט וָואס עֶר וַואר גֶעהֵיילִינְט,[2]
אוּנְד הָאט גֶעלֶעסְטֶערְט דֶעם גֵייסְט פוּן דֶער גְנָאד:

[1] ויקרא ב׳ ג׳; [2] ויקרא ט׳ י״א, י״ב

30 דֶען מִיר קֶענֶען דֶעם וָואס הָאט גֶעזָאגְט, דִיא נְקָמָה
(רַאכֶע) אִיז מֵיין, אִיךְ וֶועל בֶּעצָאלֶען, אוּנְד וִוידֶער, דֶער
הַאר גָאט וֶועט זֵיין פָאלְק [1] רִיכְטֶען: [1] דברים ל״ב ל״ה, ל״ו

31 עֶס אִיז אַ פוּרְכְטֶערְלִיכֶע זַאךְ אַרֵיין צוּ פַאלֶען אִין
דִיא הֶענְד פוּן דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט[1]: [1] דברים ד׳ כ״ד

32 אָבֶּער גֶעדֶענְקְט אָן דִיא פָארִיגֶע צֵייט, אִין וֶועלְכֶע
נָאךְ דֶעם אִיהְר זֵייט עֶרְלֵייכְטֶעט גֶעוֶועזֶען, אוּנְד אִיהְר
הָאט גֶעלִיטֶען אַ גְרוֹיסֶען קַאמְפְּף פוּן לֵיידֶען:

33 טֵיילְוֵוייז דוּרְךְ חַרְפּוֹת אוּנְד צָרוֹת, אוּנְד טֵיילְוֵוייז,
וֵוייל אִיהְר זֵייט גֶעוָוארֶען דִיא חֲבֵרִים פוּן דִיא וֶועלְכֶע
זֶענֶען אַזוֹי בֶּעהַאנְדֶעלְט גֶעוָוארֶען:

34 דֶען אִיהְר הָאט מִיטְלֵייד גֶעהַאט מִיט דִיא וָואס
וַוארֶען גֶעפַאנְגֶען, אוּנְד אִיהְר הָאט מִיט פְרֵיידֶע אָנְגֶעזֶעהֶן
דֶען רוֹיבּ פוּן אֵיירֶע גִיטֶער, וֵוייל אִיהְר וֵוייסְט דָאס אִיהְר
הָאט זֶעלְבְּסְט אִין הִימֶעל אַ בֶּעסֶערֶעס גוּט, אוּנְד אַ
בֶּעשְׁטֶענְדִיגֶעס:

35 דָארוּם פַארְוַוארְפְט נִיט אֵייעֶר בִּטָחוֹן וָואס הָאט אַ
גְרוֹיסֶען שָׂכָר:

36 דֶען אִיהְר בֶּעדַארְפְט גֶעדוּלְד, אַז אִיהְר זָאלְט טְהוּן
דֶען ווִילֶען פוּן גָאט, אוּנְד זָאלְט עֶרְהַאלְטֶען דִיא הַבְטָחָה:

37 דֶען [1] אִין נָאךְ אַ קְלֵיינֶע וֵויילֶע, אַזוֹי וֶועט דֶער
קוּמֶען וָואס זָאל קוּמֶען, אוּנְד עֶר וֶועט זִיךְ נִיט זוֹימֶען:

[1] חבקוק ב׳ ג׳

אוּנְד מִיט פָאלֶען גְלויבֶּען, אוּנְד אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער גֶע־
שְׁפְּרֶענְקֶעלְט [1] פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶען גֶעוִויסֶען, אוּנְד אוּנְזֶערֶע
לֵייבֶּער גֶעוַואשֶׁען מִיט רֵיינֶעם וַואסֶער: [1] יחזקאל ל"ו כ"ה
23 אוּנְד לָאמִיר פֶעסְט־הַאלְטֶען דָאס בֶּעקֶענְטְנֶעם פוּן
אוּנְזֶערֶע הָאפֶענוּנְג אוּמְבֶּעוֶועגְלִיךְ, דֶען דֶער וָואס הָאט
גֶעגֶעבֶּען דִיא הַבְטָחָה אִיז אַ בֶּעגְלויבְּטֶער:
24 אוּנְד לָאמִיר אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אֵיינֶער אוֹיף דֶעם
אַנְדֶערֶען, אָנְצוּרֵייצֶען צוּ לִיבְּשַׁאפְט אוּנְד גוּטֶע וֶוערְקֶע:
25 אוּנְד מִיר זָאלֶען נִיט פַארְלָאזֶען אוּנְזֶער צוּזַאמֶענְ־
קוּמֶען, אַזוֹי וִויא אֵיינִיגֶע פִירֶען זִיךְ, נֵייעֶרְט אֵיינֶער דֶעם
אַנְדֶערֶען עֶרְמָאנֶען, אוּנְד נָאךְ מֶעהְר וֵויל אִיהְר זֶעהְט
אַז דֶער טָאג אִיז נָאהֶענְט:
26 דֶען וֶוען מִיר זִינְדִיגֶען [1] מוּטְוִוילִיג (בְּמֵזִיד) נָאךְ דֶעם
מִיר הָאבֶּען בֶּעקוּמֶען דִיא וִויסֶענְשַׁאפְט פוּן דֶער וָוארְ־
הֵייט, אַזוֹי בְּלֵייבְּט מֶעהְר נִיט אִיבֶּער קֵיין קָרְבָּן פִיר
זִינְדֶע: [1] במדבר ט"ו ל', ל"א
27 נֵייעֶרְט מִיר הָאבֶּען מִיט פוּרְכְט צוּ עֶרְוַוארְטֶען אַ
מִשְׁפָּט, אוּנְד אַ פֵייעֶרְדִיגֶע קִנְאָה (אֵייפֶער) וָואס וֶועט
זֵיא פֵיינְד פֶערְצֶערֶען [1]: [1] יחזקאל ל"ו ה'
28 אֵיין מֶענְשׁ וָואס הָאט אִיבֶּערְגֶעטְרֶעטֶען [1] תּוֹרַת משֶׁה,
דֶער מוּז אָן רַחֲמָנוּת שְׁטַארְבֶּען דוּרְךְ צְוֵוייא אָדֶער דְרֵייא
עֵדוּת: [1] דברים י"ז ב' י"ג
29 וִויא פִיל [1] עֶרְגֶערֶע שְׁטְרָאף, דֶענְקְט אִיהְר, וֶועט דֶער
וֶוערְט זֵיין וָואס הָאט גֶעטְרֶעטֶען מִיט זֵיינֶע פִיס דֶעם זוּהְן
פוּן גָאט, אוּנְד עֶר הָאט גֶעהַאלְטֶען פַאר אוּנְרֵיין, דָאס
בְּלוּט

דֶער רֶעכְטֶער הַאנְד פוּן גָאט:

13 אוּנְד עֶר טהוּט וַוארְטֶען בִּיז זַיינֶע פֵיינְד[1] וֶועלֶען
גֶעמַאכְט וֶוערֶען פַאר אַ פוּס־בֶּענְקֶעל צוּ זַיינֶע פִּיס:

[1] תהלים ק״י א׳

14 דֶען מִיט אֵיין קָרְבָּן הָאט עֶר אוֹיף אֵייבִּיג פָאלְקָאמֶען
גֶעמַאכְט דִיא וָואס וֶוערֶען גֶעהֶייליגְט:

15 אוּנְד דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ זָאגְט אוּנְס אוֹיךְ עֵדוּת, דֶען
נָאךְ דֶעם עֶר הָאט פְרִיעֶר גֶעזָאגְט:

16 דָאס[1] אִיז דֶער בּוּנְד וָואס אִיךְ וֶועל מִיט זֵייא
מַאכֶען נָאךְ דִיזֶע טֶעג, זָאגְט דֶער הַאר גָאט. אִיךְ וֶועל
גֶעבֶּען מַיינֶע גֶעזֶעצֶע אִין זֵייעֶר הַארְץ, אוּנְד אִיךְ וֶועל
זֵייא אוֹיפְשְׁרַייבֶּען אוֹיף זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד:

[1] ירמיה ל״א ל״ג

17 אוּנְד זֵייעֶרֶע זִינְדֶען אוּנְד זֵייעֶרֶע אִיבֶּערְטְרֶעטוּנְג וֶועל
אִיךְ נִיט מֶעהר גֶעדֶענְקֶען[1]:

[1] ירמיה ל״א ל״ד

18 אָבֶּער וְואוּ עֶס אִיז פַארְהַאנְדֶען פַארְגֶעבּוּנְג פוּן דִיזֶען,
דָארְט אִיז נִיט מֶעהְר פַארְהַאנְדֶען קֵיין קָרְבָּן פַאר זִינְדֶע:

19 דָארוּם, בְּרִידֶער, וַוייל מִיר הָאבֶּען פְרַייהַייט אַרַיין צוּ
קוּמֶען אִין דֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט דוּרְךְ דָאס בְּלוּט[1] פוּן
יֵשׁוּעַ:

[1] בראשית ט׳ ח׳, י״ב

20 דוּרְךְ דֶעם נַייעֶם אוּנְד לֶעבֶּעדִיגֶען וֶועג וָואס עֶר
הָאט פַאר אוּנְס מְחַנֵךְ גֶעוֶועזֶען דוּרְךְ דֶעם פָּרוֹכֶת, דָאס
הֵייסְט, זַיין פְלֵייש:

21 אוּנְד וַוייל מִיר הָאבֶּען אַ כֹּהֵן גָדוֹל אִיבֶּער דָאס הוֹיז
פוּן גָאט:

22 אַזוֹי לָאמִיר צוּטְרֶעטֶען מִיט אַ וָוארְהַאפְטִיגֶעם הַארְץ,
אוּנד



5 דָארוּם וֶוען עֶר קוּמְט אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין, זָאגְט
עֶר,[1] שְׁלַאכְט־אָפְּפֶער אוּנְד שְׁפֵּיז־אָפְּפֶער דָאסְטוּ נִיט
גֶעוָואלְט, אָבֶּער אַ לֵייבּ הָאסְטוּ מִיר אָנְגֶעבְּרֵייט:

[1] תהלים מ׳ י׳ ח׳

6 בְּרַאנְד־אָפְּפֶער אוּנְד זִינְד־אָפְּפֶער זֶענֶען דִיר נִיט
גֶעפֶעלֶען [1]:

[1] תהלים נ״א ט״ז; ישעיה א׳ י״א-י״ג

7 דֶענְצְמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט, זֶעה, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען
אִין דֶער מְגִלָּה [1] (רָאלֶע) פוּן דֶעם בּוּךְ אִיז עֶס וֶועגֶען
מִיר גֶעשְׁרִיבֶּען, צוּ טְהוּן דֵיין ווִילֶע, אָ גָאט:

[1] תהלים מ׳ ז׳; בראשית ג׳ ט״ו

8 וֶוען עֶר זָאגְט אוֹיבֶּען, שְׁלַאכְט־אָפְּפֶער אוּנְד שְׁפֵּייז־
אָפְּפֶער, אוּנְד בְּרַאנְד־אָפְּפֶער אוּנְד קָרְבָּנוֹת פַאר דִיא
זִינְדֶע, הָאסְטוּ נִיט גֶעוָואלְט, אוּנְד זֵייא זֶענֶען דִיר נִיט
ווָאוֹיל גֶעפֶעלֶען, (וָואס מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען נָאךְ דֶעם
גֶעזֶעץ) [1]:

[1] ישעיה א׳ י״א-י״ג

9 דֶערְנָאךְ זָאגְט עֶר, זֶעה, אִיךְ קוּם, אָ גָאט, דֵיין ווִילֶען
צוּ טְהוּן, אַזוֹי נֶעמְט עֶר אַוֶועק דָאס עֶרְשְׁטֶע, דָאס עֶר
זָאל אוֹיפְרִיכְטֶען דָאס אַנְדֶערֶע [1]:

[1] תהלים מ׳ ז׳, ח׳

10 אוּנְד בֵּייא דִיזֶען וֶועלֶען מִיר וֶוערֶען גֶעהֵיילִיגְט, דוּרְךְ
דֶעם וָואס יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ הָאט אֵיין אֵיינְצִיג מָאל זַיין לֵייבּ
מַקְרִיב גֶעוֶוען [1]:

[1] ישעיה נ״ג ד׳-י״ב

11 אוּנְד יֶעדֶער כֹּהֵן שְׁטֵייט אַלֶע טָאג אוּנְד דִינְט,[1] אוּנְד
אִיז אָפְּט מַקְרִיב דִיא זֶעלְבֶּע קָרְבָּנוֹת, וָואס קֶענֶען קֵיין
מָאל נִיט אַוֶועק נֶעמֶען דִיא זִינְדֶען:

[1] במדבר כ״ח ג׳

12 אָבֶּער דִיזֶער וֶוען עֶר הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען אַ קָרְבָּן
פַאר דִיא זִינְדֶען אוֹיף אֵייבִּיג, הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ

דֶער

בֶּעווייזען איין מָאל אַם עֶנְדֶע דֶער צייט, אַז עֶר זָאל פַאר־
לֶעגֶען דיא זינְדֶע דוּרְךְ דֶעם קָרְבָּן פוּן זִיךְ אַלֵיין [1] :

[1] דניאל ט׳ כ״ה-כ״ו

27 אוּנְד אַזוֹי וויא עֶס איז בֶּעשְׂטִימְט [1] פַאר דיא מֶענְשֶׁען אײנְמָאל צוּ שְׁטַארְבֶּען, אוּנְד דֶערְנָאךְ דָאס מִשְׁפָּט :

[1] בראשית ג׳ י״ט

28 אַזוֹי אִיךְ אִיז דֶער מָשִׁיחַ איין מָאל אוֹיפְּגֶעאָפְּפֶערְט גֶעוָוארֶען, אַז עֶר זָאל אַוֶועק נֶעמֶען דיא זִינְדֶען פוּן פִילֶע, אוּנְד עֶר וֶועט זִיךְ דָאס צווייטֶע מָאל בֶּעווייזֶען אָן זִינְדֶע, צוּ דיא וָואס הָאפֶען אוֹיף אִיהְם פַאר [1] וֶועלִיגְקֵייט :

[1] ישעיה כ״ה ט׳

## קאפיטעל י

א דֶען דָאס גֶעזֶעץ, וָואס הָאט דֶעם שָׁאטֶען פוּן גוּטֶע זַאכֶען, אוּנְד נִיט דָאס בִּילְד אַלֵיין פוּן דיא זַאכֶען, קֶען קֵיין מָאל נִיט פָאלְקָאמֶען מַאכֶען [1] דיא וָואס קוּמֶען דֶערְצוּ מִיט דיא זֶעלְבֶּע קָרְבָּנוֹת וָואס זֵייא זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג מַקְרִיב אַלֶע [2] יָאהְר :

[1] ויקרא ט״ז כ״ט, ל׳; [2] ויקרא ט״ז י״ד

2 דֶען וֶוען נִיט, אַזוֹי וָואלְטֶען זֵייא אוֹיפְגֶעהֶערְט מַקְרִיב צוּ זֵיין, ווייל דיא דִינֶערְם וָואס זֶענֶען אֵיינְמָאל גֶערֵיינִיגְט גֶעוָוארֶען וָואלְטֶען מֶעהְר נִיט גֶעהַאט קֵיין גֶעווִיסֶען פוּן זִינְדֶע :

3 אָבֶּער אִין דִיזֶע קָרְבָּנוֹת אִיז אַלֶע יָאהְר דָא אַ גֶעדֶעכְטֶענִיס פוּן זִינְדֶען [1] :

[1] ויקרא כ״ג כ״ז-כ״ט

4 דֶען דָאס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ אַז דָאס בְּלוּט פוּן אָקְסֶען אוּנְד פוּן צִיגֶען זָאלֶען זִינְדֶען [1] אַוֶועק נֶעמֶען :

[1] מיכה ו׳ ו׳, ח׳

דארום

19 דֶעןְ וֶוען מֹשֶׁה הָאט אויסְגֶעזָאגְט יֶעדֶעם גֶעבָּאט צוּ
דֶעם גַאנְצֶען פָאלְק נָאךְ דֶעם גֶעזֶעץ, אַזוֹי הָאט עֶר
גֶענוּמֶען דָאס בְּלוּט פוּן קֶעלְבֶּער אוּנְד צִיגֶען, מִיט וַואסֶער
אוּנְד פּוּרְפֶּער־וָואל, אוּנְד אֵזוֹב, אוּנְד הָאט עֶס בֶּע־
שְׁפְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם סֵפֶר אוּנְד אוֹיף דֶעם גַאנְצֶען פָאלְק:
20 אוּנְד הָאט גֶעזָאגְט, דָאס אִיז דָאס בְּלוּט פוּן דֶעם
בְּרִית [1] וָואס גָאט הָאט אֵייךְ גֶעבָּאטֶען: [1] שמות כ"ד ו'-ח'
21 אוּנְד הָאט אוֹיךְ [1] בֶּעשְׁפְּרֶענְגְט אִין דֶער זֶעלְבֶּער ווייזֶע
דָאס מִשְׁכָּן אוּנְד אַלֶע גֶעפֶעסֶע פוּן דֶעם דִינְסְט, מִיט
בְּלוּט: [1] שמות כ"ט י"ב, ל"ו
22 אוּנְד כִּמְעַט אַלֶעס וֶוערְט גֶערֵיינִיגְט מִיט בְּלוּט נָאךְ
דֶעם גֶעזֶעץ, אוּנְד אָן פַארְגִיסוּנְג פוּן בְּלוּט [1] אִיז קֵיינֶע
פַארְגֶעבּוּנְג: [1] ויקרא י"ז י"א
23 דָארוּם וַואר עֶס נֵייטִיג אַז דָאס גֶעשְׁטַאלְט פוּן דִיא
הִימְלִישֶׁע זַאכֶען זָאל מִיט דִיזֶען גֶערֵיינִיגְט וֶוערֶען, אָבֶּער [1]
דִיא הִימְלִישֶׁע אַלֵיין מוּזֶען גֶערֵיינִיגְט וֶוערֶען מִיט בֶּעסֶערֶע
קָרְבָּנוֹת פוּן דִיזֶען: [1] שמות כ"ה י"א, י"ב
24 דֶעןְ דֶער מָשִׁיחַ אִיז נִיט אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אִין דֶעם
הֵיילִיגֶען אָרְט וָואס אִיז גֶעמַאכְט מִיט הֶענְד, וָואס וַואר
אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּן דֶעם וָואהְרֶען, זָאנְדֶערֶען אִין דֶעם
הִימֶעל זֶעלְבְּסְט, אַז עֶר זָאל זִיךְ יֶעצְט ווייזֶען פַאר גָאט
וֶועגֶען אוּנְס:
25 אוֹיךְ נִיט אַז עֶר זָאל זִיךְ אָפְט אַלֵיין מַקְרִיב זַיין,
אַזוֹי ווִיא דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם
הֵיילִיגֶען אָרְט, אַלֶע יָאהְר מִיט פְרֶעמְדֶעס בְּלוּט:
26 דֶען וֶוען נִיט אַזוֹי הָאט עֶר גֶעמוּסְט אָפְט לֵיידֶען זֵייט
דֶער גְרִינְדוּנְג דֶער וֶועלְט, אָבֶּער יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ



נֶעם מִשְׁכָּן, נִיט מִיט דֶער הַאנְד גֶעמַאכְט, דָאס הֵייסְט,
נִיט פוּן דִיזֶען בֶּעשֶׁעפֶּענִים:

12 אויך נִיט דוּרְך דֶעם בְּלוּט פוּן צִיגֶען [1] אוּנְד קֶעלְבֶּער,
נֵייעֶרְט דוּרְך זֵיין אוֹיגֶען בְּלוּט, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען
אֵיין מָאל אַלֶע מָאל אִין דֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט, אוּנְד הָאט
עֶרהַאלְטֶען אֵייגֶענֶע עֶווִיגֶע עֶרְלֵייזוּנְג: [1] דניאל ט׳ כ״ד

13 דֶען וֶוען דָאס בְּלוּט פוּן צִיגֶען אוּנְד אָקְסֶען, אוּנְד
דִיא אַשׁ [1] פוּן דֶער קוּה וָואס וַואר גֶעשְׁפְּרִינְקֶעלְט אוֹיף
דִיא אוּנְרֵיינֶע, הָאט גֶעהֵיילִיגְט צוּר רֵיינִיגוּנְג צוּ דֶעם
פְלֵייש: [1] במדבר י״ט ב׳, י״ז

14 וִויפִיל מֶעהְר וֶוערְט דָאס בְּלוּט פוּן מָשִׁיחַ, וָואס הָאט
זִיךְ אַלֵיין דוּרְך דֶעם אֵייבִּיגֶען גֵייסְט מַקְרִיב גֶעוֶועזֶען אָן
אַ מוּם צוּ גָאט, אוּם צוּ רֵיינִיגֶען אוּנְזֶער גֶעווִיסֶען פוּן
טוֹיטֶע וֶוערְקֶע אוּנְד צוּ דִינֶען דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט:

15 אוּנְד דָארוּם אִיז עֶר דֶער פַארְמִיטְלֶער (מֵלִיץ) פוּן
דֶעם נֵייעֶם בְּרִית, דָאס דוּרְך דֶעם טוֹיט וָואס וַואר אֵיין
אוֹיסְלֵייזוּנְג פוּן דִיא זִינְדֶען וָואס וַוארֶען אוּנְטֶער דֶעם
עֶרְשְׁטֶען בְּרִית, דָאס דִיא בֶּערוּפֶענֶע זָאלֶען עֶרהַאלְטֶען
דִיא הַבְטָחָה פוּן דֶעם אֵייבִּיגֶען עֶרְבְּטֵייל:

16 דֶען [1] וָוא אֵיין צַוָואָה אִיז דָא מוּז זֵיין דִיא נוֹיטְוֶוענְ־
דִגְקֵייט פוּן דֶעם טוֹיט פוּן דֶעם וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִיא
צַוָואָה: [1] בראשית ט״ו ח׳, י״ח

17 דֶען אֵיין צַוָואָה וֶוערְט בֶּעשְׁטֶעטִיגְט נוּר דוּרְך דֶעם
טוֹיט, דֶען עֶס הָאט קֵיין שְׁטַארְקֵייט נִיט וֶוען דֶער וָואס
הָאט גֶעמַאכְט דִיא צַוָואָה לֶעבְּט:

18 דָארוּם אִיז זָאגַאר דֶער עֶרְשְׁטֶער בְּרִית אוֹיךְ נִיט
גֶעשְׁטִיפְטֶעט גֶעוָוארֶען, אָן בְּלוּט [1]: [1] שמות כ״ד ו׳-ח׳

5 אוּנְד אוֹיבֶּען דַארִיבֶּער וַוארֶען דִיא כְּרוּבִים דֶער הֶערְלִיכְקַייט, וָואס הָאבֶּען בֶּעדֶעקְט דֶעם כַּפֹּרֶת, פוּן וֶועלְכֶע זַאכֶען מִיר קֶענֶען יֶעצְט נִיט אֵיינְצִיגְווַיים רֶעדֶען:

6 אוּנְד וֶוען דִיזֶע זַאכֶען זֶענֶען זָא אֵיינְגֶערִיכְטֶעט גֶעוָוארֶע, זֶענֶען דִיא כֹּהֲנִים[1] בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִין דֶעם עֶרְשְׁטֶען מִשְׁכָּן אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אוּנְד הָאבֶּען דֶען דִינְסְט גֶעטְהָאן:

[1] במדבר כ"ח ג'

7 אָבֶּער אִין דֶעם אַנְדֶערֶען אִיז נָאר דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אַלֵיין[1] אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אֵיין אֵיינְצִיג מָאל אִין יָאהר, נִיט אָהן בְּלוּט, וָואס עֶר הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּנְד פַאר דִיא אִירְטִימֶער[2] (שְׁגָגוֹת) פוּן דֶעם פָאלְק:

[1] שמות ל' י', ויקרא ט"ז י"ז; [2] במדבר ט"ו כ"ז, ל'

8 דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ הָאט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין גֶעגֶעבֶּען, אַז דֶער וֶועג צוּם קוֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים אִיז נָאךְ נִיט אָפֶּען גֶעוֶוען, אַזוֹי לַאנְג וִויא דֶער עֶרְשְׁטֶער מִשְׁכָּן אִיז נָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען:

9 וָואס וַואר אַיין גְלֵייכְנִיס אוֹיף יֶענֶער צֵייט, וֶוען מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען גָאבֶּען אוּנְד אָפְּפֶער, וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט פָאלְקָאמֶען מַאכֶען[1] דָאס גֶעווִיסֶען[2] פוּן דֶעם וָואס טְהוּט דֶען גָאטֶעס דִינְסְט:

[1] תהלים מ' ו', ז'; [2] תהלים נ"א ט"ז, י"ט

10 ווייל עֶס בֶּעשְׁטֶעהְט (אִין עֶסֶען[1] אוּנְד טְרִינְקֶען אוּנְד פֶערְשִׁידֶענֶע טְבִילוֹת[2]) אוּנְד אִין פְלֵיישְׁלִיכֶע גֶעזֶעצֶען וָואס וַואר אוֹיף אִיהְם אוֹיפְגֶעלֵייגְט, בִּיז צוּ דֶער צֵייט פוּן פַארְבֶּעסֶערוּנְג:

[1] ויקרא י"א ב'; [2] במדבר י"ט ז'

11 אָבֶּער דֶער מָשִׁיחַ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין אַ כֹּהֵן גָּדוֹל פוּן בֶּעסֶערֶע זַאכֶען, דוּרְךְ אַ גְרֶעסֶערֶען אוּנְד פָאלְקָאמֶע-



זאגען, קענט דעם האר,[1] דען אלע װעלען מיך קענען פון דעם קלײנסטען ביז צו דעם גרעסטען: [1] ישעיה נ״ד י״ג

12 דען איך װעל מיך דערבארמען איבער זײערע אונגערעכטיגקײטען, אונד זײערע זינדען װעל איך ניט מעהר געדענקען [1]: [1] ירמיה כ׳ כ׳, מיכה ז׳ י״ח

13 אין דעם דאס ער זאגט אײן נײען בונד, האט ער דעם ערשטען אלט געמאכט: אבער דאס װעלכעס איז אלט געװארען, אונד איז פערעלטערט, איז נאהענט צום פערשװינדען:

## ט קאפיטעל ט

1 נון האט אויך דער ערשטער (ברית) געהאט געזעצע פון גאטעס דינסט,[1] אונד א הײליגטהום, אײן משכן אויף דער ערד: [1] שמות כ״ה ח׳

2 דען דאס ערשטע משכן [1] איז פארפארטיגט געװארען, װאס עס װאר דארינען דיא מנורה אונד דער שלחן,[2] אונד דאס לחם הפנים,[3] אונד עס האט געהײסען הײליגטהום: [1] שמות כ״ו א׳, ל״ה; [2] שמות מ׳ ד׳; [3] שמות כ״ה ל׳

3 אבער הינטער דעם אנדערען פרוכת װאר דאס משכן װאס װאר גערופען דאס אלער הײליגסטע[1]: [1] שמות כ״ו ל״א-ל״ג

4 װאס האט געהאט א גאלדענע פײערפאן,[1] אונד דעם ארון פון דעם ברית,[2] װאס װאר ארום געדעקט מיט גאלד פון אלע זײטען, אונד דרינען איז געװעזען א גאלדענער קרוג [3] װאס האט אין זיך געהאלטען דעם מן, אונד דעם שטעקען [4] פון אהרן װאס האט געבליהט, אונד דיא לוחות [1] פון דעם ברית: [1] ויקרא ט״ז י״ב; [2] שמות כ״ה י׳; [3] שמות ט״ז ל״ג; [4] במדבר י״ז י׳; [1] שמות ל״ד כ״ט; דברים י׳ ב׳ ה׳

אונד

אַלֶעס מַאכֶען נָאךְ דֶעם גֶעשְׁטַאלְט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוויזֶען אויף דֶעם בַּארְג׃

[1] שמות כ״ה מ׳, במדבר ח׳ ד׳

6 אָבֶער יֶעצְט הָאט עֶר אַ פִיל בֶּעסֶערֶען דִינְסְט עֶרְהַאלְטֶען, ווייל עֶר אִיז אויךְ אַ פַארְמִיטְלֶער פוּן אֵיין בֶּעסֶערֶען בּוּנְד (בְּרִית), וָואס אִיז בֶּעשְׁטִימְט אויף פִיל בֶּעסֶערֶע הַבְטָחוֹת׃

7 דֶען וֶוען [1] דֶער עֶרְשְׁטֶער בְּרִית וָואלְט גֶעוֶועזֶען אָן אַ פֶעהְלֶער, אַזוי וָואלְט מֶען נִיט גֶעזוּכְט אֵיין פְּלַאטְץ פַאר אַ אַנְדֶערֶען׃

[1] שמות ג׳ ח׳; י״ט ה׳

8 דֶען וֶוען עֶר קְרִיגְט זִיךְ מִיט זֵייא זָאגְט עֶר, [1] זֶעהְט דִיא צֵייט קוּמְט, זָאגְט דֶער הַאר, וֶוען אִיךְ וֶועל מַאכֶען מִיט דֶעם הויז יִשְׂרָאֵל אוּנְד מִיט דֶעם הויז יְהוּדָה אַ נֵייעֶם בּוּנְד׃

[1] ירמיה ל״א ל״א-ל״ד

9 נִיט וִויא דֶער בּוּנְד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט מִיט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערֶען, אִין דֶעם טָאג וֶוען אִיךְ הָאבּ זֵייא גֶענוּמֶען בֵּייא דֶער הַאנְד, אַז אִיךְ זָאל זֵייא אַרוֹיס צִיהֶען פוּן דֶעם לַאנְד מִצְרַיִם, דֶען זֵייא זֶענֶען נִיט גֶעבְּלִיבֶּען אִין מֵיין בּוּנְד, אוּנְד אִיךְ הָאבּ זֵייא פַארְוָוארְפֶען, זָאגְט דֶער הַאר (גָאט)׃

10 גֵייעֶרְט דָאס אִיז דֶער בּוּנְד וָואס אִיךְ וֶועל מַאכֶען מִיט דֶעם הויז פוּן יִשְׂרָאֵל נָאךְ דִיזֶער צֵייט, זָאגְט דֶער הַאר (גָאט), אִיךְ וֶועל גֶעבֶּען מֵיין תּוֹרָה אִין זֵייעֶרֶע אִינְוֶוענִיג, אוּנְד אִיךְ וֶועל זִיא אָנְשְׁרֵייבֶּען אויף זֵייעֶר הַארְץ, [1] אוּנְד אִיךְ וֶועל זַיין זֵייעֶר גָאט, אוּנְד זֵייא וֶועלֶען זַיין מֵיין פָאלְק׃

[1] זכריה ח׳ ח׳

11 אוּנְד זֵייא וֶועלֶען נִיט מֶעהְר לֶערְנֶען אִיטְלִיכֶער זַיין חָבֵר, אוּנְד אִיטְלִיכֶער זַיין בְּרוּדֶער, (לֵאמֹר) אַזוי צוּ

וואגען

זֵיינֶע אֵייגֶענֶע זִינְדֶען, [1] אוּנְד דֶערְנָאךְ פַאר דִיא זִינְדֶען
פוּן דֶעם פָאלְק, דֶען דָאס הָאט עֶר אֵיין אֵיינְצִיג מָאל
גֶעטְהוּן, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין מַקְרִיב גֶעוֶועזֶען:

[1] ויקרא ט״ז

28 דֶען דָאס גֶעזֶעץ מַאכְט מֶענְשֶׁען פַאר כֹּהֲנִים גְדוֹלִים,
וָואס הָאבֶּען שְׁוַואכְהֵייטֶען, אָבֶּער דָאס וָוארְט פוּן דֶער
שְׁבוּעָה וָואס אִיז נָאךְ דֶעם גֶעזֶעץ, מַאכְט דֶעם זוּהְן,
וָואס אִיז פָאלְקָאמֶען, אוֹיף אֵייבִּיג:

## ח קאפיטעל ח

א אוּנְד נוּן דָאס אִיז דִיא הוֹיפְּטזַאךְ פוּן דֶעם וָואס מִיר
הָאבֶּען גֶערֶעט, מִיר הָאבֶּען אַ זָאלְכֶען כֹּהֵן גָדוֹל, וָואס
הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ דֶער רֶעכְטֶער הַאנְד פוּן דֶעם שְׁטוּל
פוּן דֶער מַאיֶעסְטֶעט אִין הִימֶעל [1]: [1] תהלים ק״י א׳
2 אַ מְשָׁרֵת פוּן דֶעם הֵיילִיגְטְהוּם, אוּנְד פוּן דֶעם אֶמֶת'ן
מִשְׁכָּן וָואס גָאט הָאט אוֹיפְגֶערִיכְטֶעט, אוּנְד נִיט קֵיין
מֶענְשׁ:
3 דֶען יֶעדֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִיז גֶעזֶעצְט מַקְרִיב צוּ זַיין
גָאבֶּען (מִנְחוֹת) אוּנְד שְׁלַאכְט־אָפְּפֶער, דָארוּם אִיז נֵייטִיג
דָאס דִיזֶער (כֹּהֵן גָדוֹל), זָאל אוֹיךְ עֶטְוָואס מַקְרִיב זַיין:
4 דֶען וֶוען עֶר זָאל זַיין אוֹיף דֶער עֶרְד אַזוֹי הֶעט עֶר
גָאר קֵיין כֹּהֵן גֶעוֶוען, וַוייל עֶס זִינְד כֹּהֲנִים וָואס זֶענֶען
מַקְרִיב גָאבֶּען אוּנְד (שְׁלַאכְט־אָפְּפֶער) נָאךְ דֶעם גֶעזֶעץ:
5 וֶועלְכֶע דִינֶען אַלְס בֵּיישְׁפִּיל אוּנְד שַׁאטֶען פוּן דִיא
הִימְלִישֶׁע זַאכֶען, אַזוֹי וִויא מֹשֶׁה וַואר גֶעוָוארֶענְט (אָדֶער
בֶּעלֶעהְרְט) פוּן גָאט וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאכְט דָאס מִשְׁכָּן
צוּ בּוֹיעֶן; דֶען עֶר הָאט גֶעזָאגְט, [1] זֶעה דָאס דוּא זָאלְסְט
אַלעס

אײביג נאָך דער אָרדענונג פון מלכּי־צדק: [1] תהלים ק״י ד׳
18 דען עס איז אײנע אָבשאַפונג פון דעם פֿאָריגען
